ש. בילאָוו און א. וועלעדניצקי, אַרײַנפיר צו א. גאָלדפאַדנס געקליבענע דראַמאַטישע ווערק (קיעוו 1940)

דאָ איז געקומענ צוהילפ דעם טעאַטער גאָלדפאַדנס פּראָדוקטיווער דראַמאַטורגישער טאַלאַנט. פאַר די יאָרנ 78—1876 האָט גאָלדפאַדנ אָנגעשריבנ, — אויסער די קלענערע טעאַטער שטיק — „די קאַפּריזע קאַלע אָדער קאַפּצנזאָנ עט הונגערמאַנ", „שמענדריק", „די שטומע קאַלע", „ברײַנדעלע קאָזאַק", „די אינטריגע אָדער דוואָסיע די פּליאָטקעמאַכערנ" און אכט אײַנאַקטערס. דאָס זאָגט אײדעס וועגנ גאָלדפאַדנס גרויסער דראַמאַטורגישער פּראָדוקטיווקײַט אינ יענער צײַט.

די רוסיש-טערקישע מילכאָמע, וואָס האָט אויסגעבראָכנ סאָפ 1877 יאָר און האָט פאַרוואַנדלט בוקאַרעסט אינ א צענטער פונ מיליטער-אַנשטאַלטנ, האָט אויכ פאַרגרעסערט דעם צושויער-קרײַז פונ גאָלדפאַדנס טעאַטער מיט די אָנגעפאָרענע גרעסערע און קלענערע „פּאָדראַטשיקעס", וואָס האָבנ זיכ דאָ געדרייט אַרומ די אינטענדאַנטסטווע און פאַרדינט א לײַכטנ רובל. אכוץ די פּאָדראַטשיקעס, זײַנענ אינ בוקאַרעסט אָנגעלאָפנ יידנ פונ פאַרשיידענע שטעט פונ רוסלאַנד און גאַליציע, אנ אוילעמ, וואָס האָט געוואָלט דורכ מיליטערישע מיסכאָרימ אויפגעריכט ווערנ, רײַכ ווערנ.

דער דאָזיקער אוילעמ האָט זיכ א לאָז געטאָנ אינ גאָלדפאַדנס טעאַטער. די פריילעכע פאָלקס-שפּיל און די אַנטי-כסידישע טענדענצנ פונ גאָלדפאַדנס טעאַטער זײַנענ דעם דאָזיקנ אוילעמ געווענ צומ האַרצנ. די מאַטעריעלע לאַגע פונ טעאַטער האָט זיכ שטאַרק פאַרבעסערט.

גאָלדפאַדנ אָבער, וואָס איז געווענ פאַרבונדנ מיט די פאָלקס-מאַסנ, וועלכע האָבנ מיט זיכ פאָרגעשטעלט דעם עמעסנ קערנ פונ זײַנ טעאַטער-צושויער, איז פונ דעם דאָזיקנ האַנדל-וואַנדל-אוילעמ געווענ ניט איבעריק צופרידנ.

גאָלדפאַדנ האָט אפילע געוואַגט אָנצושרײַבנ א פּיעסע — „דער פּאָדראַטשיק", אינ וועלכער ער דעקט אויפ דעם שווינדל פונ דער בוקאַרעסטער סוויווע פּאָדראַטשיקעס [1].

צומ לויב פונ גאָלדפאַדנס קינסטלערישער פערזענלעכקײַט דאַרפ נאָכ דאָ געזאָגט ווערנ, אז דער זשעדנער געיעג נאָכ געלט, וואָס האָט געהערשט אינ די קרײַזנ פונ די קלענערע און גרעסערע „פּאָדראַטשיקעס", אָט דער געיעג נאָכ געלט, וואָס האָט אראָפּגעבראַכט קײנ בוקאַרעסט דעם מאַסקילישנ שרײַבער א. גאָטלאָבער, י. מ. לערנערנ און נאָכ א גאַנצע רײ מאַסקילימ-אינטעליגענטנ, האָט קײנמאָל ניט פאַרכאַפּט גאָלדפאַדנען. ער איז געווענ אינגאַנצנ אַרײַנגעטאָנ אינ דער שעפערישער אַרבעט פונ זײַנ טעאַטער. נאָכ מער, ער איז נאָכ די גוטע געשעפטנ, וואָס זײַנ טעאַטער האָט געמאַכט אינ דער צײַט פונ דער מילכאָמע, געווענ פונקט אזוי „רײַכ", ווי ער איז געווענ, בײַס ליבערעסקאָ האָט אימ אראָפּגעבראַכט דאָס ערשטע מאָל אינ יאַסי.

[1] זע אויסלענדער און פינקעלס, בוכ „גאָלדפאַדנ", ז. 40.



## גאָלדפאַדנס דראַמאַטורגיע

1

א. גאָלדפאַדנ איז, ווי אונדז איז שוינ באַוווּסט פונ די פריערדיקע קאַפּיטלענ, געווענ ניט בלויז א דראַמאַטורג, ער האָט אויכ איבערגעלאָזט א ירושע פונ דיכטונג. א רײ סאַטירישע און לירישע לידער גאָלדפאַדנס זײַנענ ביז הײַנטיקנ טאָג פּאָפּולער. אײנס איז אָבער קלאָר: גאָלדפאַדנ דער דראַמאַטורג איז פיל באַדײַטנדיקער פונ גאָלדפאַדנ דעם דיכטער.

מיר האָבנ שוינ פריער אָפּגעמערקט גאָלדפאַדנס גרויסע פּראָדוקטיווקײַט אַלס דראַמאַטורג. גאָלדפאַדנ קאָנ פאַררעכנט ווערנ צווישנ די סאַמע פּראָדוקטיווע שרײַבער-דראַמאַטורגנ אינ דער וועלט.

בא הײַנטיקנ טאָג איז אונדז באַוווּסט בא 50 טעאַטער-שטיק גאָלדפאַדנס, וועלכע זײַנענ געשפּילט געוואָרנ אפּ דער בינע — אָנגעהויבנ פונ זײַנע סאַמע ערשטע דראַמאַטישע ווערק, וואָס זײַנענ אַרויס אינ 1869 יאָר (אינ דער זאַמלונג „די יידענע") און געענדיקט מיט דער לעצטער פּיעסע זײַנער „בענ-אַמי אָדער דער זונ פונ מײַנ פאָלק", וואָס איז געשטעלט געוואָרנ אינ אַמעריקע אינ 1908 יאָר — אינעמ יאָר, וואָס גאָלדפאַדנ איז געשטאָרבנ.

גאָלדפאַדנ האָט פאַרמאָגט א גרויסנ טאַלאַנט פונ א טעאַטער-טוער. אינ זײַנ טעטיקײַט אַלס דראַמאַטורג, נאָכ דעם, ווי ער האָט געגרינדעט זײַנ טעאַטער, איז פאַר אימ קוידעמקאָל וויכטיק געווענ צו שאַפנ „טעאַטער-שטיק", שאַפנ שוישפּילערישנ מאַטעריאַל פאַרנ יידישנ טעאַטער. גאָלדפאַדנ האָט פאַר אַסאַכ פּיעסנ זײַנע געליגנ טעמעס און סיוזשעטנ בא אַנדערע שרײַבער. ער האָט עס געטאָנ אָפּנ און באַוווּסטזיניק. באַ-

וונדערס איז עס צו זען אפ א ריי פונ זייַנע היסטאָרישע פּיעסנ, וועלכע זייַנענ פאקטיש דראמאטיזירטע געשיכטעס פונ דער ביבל אונ פונ אירע קאָמענטאטערס („אכאשווייראַש", „אקיידעס יִיצכאָק", „שולאמיס" א.אנד.). עס וועט אָבער זייַנ ניט ריכטיק צו מאכנ דערפונ אנ אויספיר, אז די דאָזיקע ווערק גאָלדפאדנס זייַנענ ניט אָריגינעל, עס וועט זייַנ ניט ריכטיק דערמיט אראָפּזעצנ, פארמינערנ דעמ ווערט פונ גאָלדפאדנס דראמאטישנ שאפנ. ווענ מיר וועלנ א ווייַלע לאָזנ אינ א זייַט די היסטאָרישע פּיעסנ גאָלדפאדנס, וועגנ וועלכע מיר וועלנ שפּעטער ריידנ, אונ וועלנ זיכ צוקוקנ צו זייַנע רעאליסטיש־שטייגערישע פּיעסנ, וועלנ מיר גלייַכ זענ, אז דאָס „אנטליִענע" איז דאָ מער פונ אלצ א שטויס, אנ אָנרעגונג פארנ אוטאָר צו געבנ טיפּישע בילדער פונ יִידישנ לעבנ [1]. דאָס איז צו זענ אינ אלע בעסערע רעאליסטישע דראמעס גאָלדפאדנס. צומ בייַשפּיל, די פּיעסנ „שמענדריק" אונ „די ביידע קוני־לעמלעכ". ניט גע־קוקט ז'ערופ, וואָס איינִיקע פאָרשער ווייַזנ אָנ, אז „שמענדריק" האָט גאָלדפאדנ געשריבנ אונטער דער ווירקונג פונ א רומעניש ווערק, אונ „די ביידע קוני־לעמלעכ" — אונטער דער ווירקונג פונ א דייַטשיש ווערק, זייַנענ זיי דאָכ דורכויס אָרגאנישע שילדערונגענ פונעמ יִידישנ לעבנ.

פונ דעמ, וואָס גאָלדפאדנ איז אינ זייַנ דראמאטישנ שאפנ קוידעמ־קאָל אויסנ געווענ צו שאפנ „טעאטער־שטיק", דאָס הייסט רעפּערטואַר פארנ טעאטער, וואָלט געווענ ניט ריכטיק צו מאכנ אויכ א צווייטנ אויספיר, אז גאָלדפאדנ האָט ניט געהאט קיינ אויסגעשפּראָכענע אידייִיש־קעמפערישע צילנ אינ זייַנ דראמאטישנ שאפנ. דערצויגנ אינ גייַסט פונ די מאסקילישע אידייענ, איז גאָלדפאדנ, פּונקט ווי זייַנע מיטצייַטלער לינעצקי אונ מענדעלע, אריינגעטראָטנ אינ דער ליטעראטור ווי א קעמפער פאר אויפקלערערישע אידעאלנ.

ניט אומזיסט הייבט אָנ גאָלדפאדנ, פּונקט ווי לינעצקי אונ מענ־דעלע, זייַנ ליטעראריש שאפנ פונ שארפער סאטירע קעגנ אומגעבילדעט־קייַט, קעגנ צוויִעס אונ אנדערע פארדאָרבענע זיטנ, קעגנ די פרומ־פאנאטישע „באָבעס", וואָס שטעלנ זיכ אינ וועג די יונגע אויפגעקלערטע „אייניקלעכ" („די באָבע מיטנ אייניקל"). קימאט אלע רעאליסטישע

[1] אינ אזא אויפנ פונ לייַענ סיוזשעטישנ שטאָפ בא אנדערע שרייַבער זעענ מיר בא די גרעסטע וועלט־שרייַבער — בא שעקספּירנ („האמלעט", א.א.), בא געטענ („פאוסט"), בא מאָליערנ („דער קארגער") א.אז.וו.



ווערק, וואָס גאָלדפאדנ האָט געשאפנ, זייַנענ אינ א גרעסערער אָדער קלענערער מאָס דורכגעדרונגענ מיט אויפקלערערישע טענדענצנ.

די אידייע פונ „שמענדריק" אונ פונ „די ביידע קוני־לעמלעכ" איז — דער קאמפ קעגנ יִיכעס, קעגנ ניט גלייַכנ שידעכ, קעגנ צוואנג־שידעכ. דער אוטאָר האָט זיכ דאָ געשטעלט א ציל אויסלאכנ די טיפּשעס אונ באגרענעצטקייַט פונ די פאנאטיקער. דאָס אייגענע — אינ דער „מומע סאָסיע". אינ דער „מומע סאָסיע" איז דאָס בילד אינ א פּראָט נאָכ בוילעטער: דאָ ווערט געגעבנ די זעלבע קויכעס־צעשטעלונג, וואָס אינ די סאמע טיפּישע אויפקלערערישע ווערק. פונ איינ זייַט — אלדאָס שלעכטע אונ פארדאָרבענע, אינ דער שפּיצ מיט דער אלטפרענקישער באגרענעצטער אונ פעאָדאליש־דעספּאָטישער מומע סאָסיע, אונ פונ דער אנדערער זייַט — אלדאָס גוטע אונ אָרנטלעכע אינ דער שפּיצ מיט די געבילדעטע, אויפגעקלערטע זילבערצווייַג אונ איספּאנסקי. עס איז אינ גרונט געשריבנ לויטנ פרינציפּ, וואָס אייכלס „ר'הענאכ" אונ באזונדערס עטינגערס „סערקעלע". אינ „סערקעלע" האָבנ מיר אויכ, פונ איינ זייַט, די אלט־פרענקיש דעספּאָטישע סערקעלע מיט די איבעריקע פארדאָרבענע פאר־שוינענ אונ פונ דער צווייטער זייַט, מארקוס רעדלעכ אונ באזונדערס דאָוויד גוטהערצ, ארומ וועלכנ עס גרופּירנ זיכ אלע איבעריקע אָרנטלעכע אונ אָנשטענדיקע מענטשנ, וואָס ווערנ ארויסגעפירט אינ ווערק.

סייַ בא עטינגערנ, סייַ בא גאָלדפאדענענ האָבנ מיר אפ אזא אויפנ די אייגענע צוויי לאגערנ. עמעס, די דיסטאנצ צווישנ די צוויי לאגערנ איז בא גאָלדפאדענענ אסאכ א קלענערע איידער בא עטינגערנ. בא עטינ־גערנ איז סערקעלע אינ סאָציאלנ זינ אונ אינ זינ פונ קולטור גוואלדיק ווייַט פונ גוטהערצנ. בא גאָלדפאדענענ איז צווישנ דער מומע סאָסיע אונ מוישע קופערשטיק, אָדער איספּאנסקי אונ זילבערצווייַג אינ דעמ זינ די דיס־טאנצ א קלענערע. דאָס איז דערפאר, וואָס גאָלדפאדנס פּאָזיטיווער העלד איז ניט קיינ וועלט־סויכער, קיינ „דייַטש" מיט גלאנצ פונ הויכער קולטור, נאָר א פּאָשעטער באלעבאטישער פארשוינ. בא זייַנ גאנצער שארפער סאטירע קעגנ די מומע סאָסיעס, באָבע יאכנעס, איז בא גאָלד־פאדענענ ניט פאראנ קיינ אידעאליזאציע אונ פארגעטערונג פונעמ אויפ־געקלערטנ, געבילדעטנ בורזשוא (וואָס עס איז צו זענ בא אלע מאס־קילישע שרייַבער). עמעס, איספּאנסקי, ווענ ער טראכט וועגנ סאָסיענ, שטעלט ער איר קעגנ די „געבילדעטע דאמענ". אויכ זילבערצווייַג, ווענ ער נעמט שמועסנ מיט כאנצע־גענענדלענ, הייבט ער אָנ צוזערשט מיט

א פראנצויזישער פראזע, דערנאָך גייט ער אריבער אף דײַטש און לעצטנס אף רוסיש. דאָס ווערט אָבער אריַינגעפירט דעריקער ניט אף צו כאראקטעריזירן די מאסקילישע געבילדעטקײַט פון פערסאָנאזש, נאָר צו־ליב קאָמישע עפעקטן. אלנפאלס, אין פארגלײַך מיט די פאָזיטיווע העלדן פון די פריערדיקע מאסקילישע שרײַבער, די עמעסע „דײַטשונעס", וואָס זעען אויס (די העלדן) ווי שײַנענדיקע זונען פון קלוגשאפט און גערעכטיקײַט, זײַנען גאָלדפאדנס פאָזיטיווע געשטאלטן אָרנטלעכע, קילטורעלע, אָבער דורכויס פּאָשעטע „זינדיקע" מענטשן אָן שום אָרע־אָלן.

ס'איז שוין ניט געווען אין גאָלדפאדנס צײַטן דער פריערדיקער הייסער גלויבן אין דער מאסקילישער פראָגראם. אין שײַן פון דער נײַער היסטאָרישער דערפארונג פון קאפיטאליסטישער הערשאפט, איז די אידעאלע געשטאלט פונעם אופגעקלערטן יוישערדיקן בורזשוא היפּש פארוועלקט געוואָרן. גאָלדפאדן, דער מער־דעמאָקראטישער מאסקל, האָט ניט געהאט קיין שום פאטאָס אָט די. געשטאלט צו אידעאליזירן.

ס'איז וויכטיק צו פארצייכענען דעם אופן, וויאזוי גאָלדפאדן שילדערט די פארדאָרבענע רעאקציאָנערע פארשוינען, וואָס ער פירט ארויס: ער אמניסטירט זיי ניט, ווי עטינגער אמניסטירט סערקעלען — ער פארורטיילט זיי ביזן סאָף (מיר ריידן דאָ וועגן די שטארקערע רעאליסטיש־שטייגערישע ווערק גאָלדפאדנס — „די מומע סאָסיע", „די קישעפמאכערן", „די באָבע מיטן איינִיקל" א.ד.גל.).

אין דער טראקטירונג פון די פריער־דערמאָנטע צוויי לאגערן איז אזויארום פאראן וועזנטלעכע אידיישע אונטערשיידן צווישן גאָלדפאדענען און עטינגערן. אין איין הינזיכט איז אָבער צו זען קרויווע־שאפט צווישן עטינגערן און גאָלדפאדענען. עטינגער שטעלט פאָר דעם קאָנפליקט צווישן די פראָגרעסיוו־בורזשואזע גוטהערצס מיט די פעאָדאל־פאראזיטישע סערקעלעך ווי אן אינטימען פאמיליען־קריג, ווי א שטרײַט צווישן אן עטישן ברודער קעגן א פארדאָרבענער ניט עטישער שוועסטער. אָט דאָס איז אויך צו מערקן אין גאָלדפאדנס ווערק (סאָסיע און קיפערשטיק אין דער „מומע סאָסיע" זײַנען ברודער און שוועסטער, באסיע מיט אורראָמציען פון דער „קישעפמאכערן" — מאן און ווײַב).

פיל געמיינזאמס מיט עטינגערס „סערקעלע" האָבן מיר אין דער קינסטלערישער אויסשטאטונג פון דער „מומע סאָסיע". איינִיקע פער־



סאָנאזשן פון דער דאָזיקער פיעסע פאלן פּאָשעט צונויף מיט די פערסאָנאזשן פון עטינגערס „סערקעלע" סײַ לויט זייער כאראקטער, סײַ לויט דער ראָל, וואָס זיי שפּילן.

די סערקעלע־געשטאלט איז ברייטער און איז רײַכער מיט כאראקטער־שטריכן איידער די מומע סאָסיע. אין די שטריכן אָבער, וואָס די מומע סאָסיע פארמאָגט, איז זי זייער ענלעך אף סערקעלען. מיר האָבן דאָ די אייגענע מאניר פון צווייפּענעמדיקײַט, אלס גרונט־שטריך אינעם כאראקטער פון די דאָזיקע מענטשן. פון איין זײַט, העסלעך־ברוטאלע אופירונג (בענעגייע דער עלנטער פלעמעניצע, בענעגייע דעם מאן) און פון דער צווייטער זײַט — א קלוימערשט איידעלער האלטן זיך מיט „לײַטן" (מיט די כאסאנים, שאדכאָנים א.ד.גל.) — אָט דאָס איז דער טאָך פון אָט די מענטשן. אי דאָ, אי דאָרטן טרעפן מיר דאָס פאלשע קלאָגן זיך אפּן שוואכן געזונט. סערקעלע האלט אין איין שרײַען: „אוי־וויי, מײַנע קויכעס", די מומע סאָסיע קלאָגט זיך אויך: „אוי, אוי, איך האָב שוין קיין קויעך ניט". כאראקטעריסטיש איז די באציונג פון אָט די צוויי פרויען־פערסאָנאזשן צו זייערע מענער. סערקעלע זאָגט צו איר מאן: „פארשווארצט און פארפינצטערט בין איך געוואָרן, אז איך האָב דיך פאר א מאן". און די מומע סאָסיע טײַנעט צו איר מאן: „אוי, אז פּארוויסט און פארפינצטערט זײַנען מײַנע יאָרן און טעג געוואָרן, אז איך האָב געדארפט ארײַנפאלן צו אזא ראזבויניק אין די הענט". די מומע סאָסיע איז, אין פארגלײַך מיט סערקעלען, א כאראקטער א מער מעגושעמדיקער. אויב סערקעלע איז א קרעמערן א שווינדלערן, איז די מומע סאָסיע, אייגנטלעך, א מארק־יידענע, א סעדעכע.

גאָלדפאדנס דאָדיע, דער מומע סאָסיעס מאן, איז, אייגנטלעך, דער וועלבער צעקראָכענער, מישטיינס געזאָגט „אומרויִקער געוויסן", וואָס מוישע דאנציקער, סערקעלעס מאן. בא גאָלדפאדענען נאָר זײַנען די נעגאטיווע שטריכן פון דער געשטאלט מער פארשארפט איידער בא עטינגערן.

א באשטימטע ענלעכקײַט איז, פארשטייט זיך, אויך פאראן צווישן גאָלדפאדנס כינקען און עטינגערס הינדען: ביידע זײַנען זיי בא זייערע מומעס אן אָביעקט פון אומענטשלעכער באהאנדלונג און עקספּלואטאציע, ביידע זײַנען זיי, אידעאליזירטע פרויען־געשטאלטן, געשילדערטע אין סענטימענטאלן גײַסט.

גאָלדפאדנ האָט „די מומע סאָסיע" זיכער געשריבנ אונטער דער
ווירקונג פונ עטינגערס „סערקעלע".

מע דארפ אָבער פארצייכענענ, אז אינ דער „מומע סאָסיע" האָט גאָלדפאדנ אויכ ארייַנגעטראָגנ זייַנ אייגנס — אונ היפש אייגנס. מיר האָבנ שוינ פריִער דערמאנט וועגנ דער אידעאָלאָגישער נייַס, וואָס ער האָט ארייַנגעטראָגנ לעגאבע עטינגערנ מיט דעמ אויפנ פונ שילדערנ סייַ די פאָרשטייער פונ דער אלטער וועלט, סייַ די הייַנט-וועלטיקע אופגעקלערטע מענטשנ. מע מוז נאָכ צוגעבנ: גאָלדפאדנ האָט ארייַנגעטראָגנ אויכ היפשע קינסטלערישע נייַס. „די מומע סאָסיע" איז א טיפישע זיטנ-קאָמעדיע. סייַ אינ פראט פונ געשטאלט, סייַ אינ פראט פונ טעמפ-פולער אנטוויקלונג פונ סיוזשעט איז עס א טאלאנטפול ווערק. אויב „די מומע סאָסיע" איז אינ א ריי פראָטימ אפילע הינטערשטעליק לעגאבע „סערקעלע" (דאָרטנ האָבנ מיר פריִער פונ אלצ א ברייטערע אונ טיפערע פראָבלעמ-שטעלונג), איז אָבער אינ אנדערע הינזיכטנ „די מומע סאָסיע" בעפיירעש א ווייַטערדיקער שריט אינ דער אנטוויקלונג פונ דער ייִדישער דראמאטורגיע — נאָכ עטינגערנ, אקסנפעלדנ אונ גאָטלאָבערנ.

אפילע בא אזוינע באדייַטנדיקע שרייַבער, ווי עטינגער אונ אקסנפעלד (אָפגערעדט שוינ פונ אייכלענ אונ וואָלפסאָנענ), זייַנענ די פאָזיטיווע געשטאלטנ ניט געמאָלט רעאליסטיש, נאָר לויט א מאסקילישער „רעצעפטור". גוטהארצ, רעדלעכ אונ אפילע ארנ קלוגער זייַנענ ניט קיינ רעאליסטישע אונ זייַנענ ביכלאל קינסטלעריש-שוואכע געשטאלטנ. בא גאָלדפאדענענ אינ דער „מומע סאָסיע" אָבער זייַנענ די פאָזיטיווע געשטאלטנ געגעבנ געוואָרנ קינסטלעריש אויסדריקלעכ אונ רעאליסטיש.

וואָס אנבאלאנגט דער געשטאלט פונ דער מומע סאָסיע, איז האגאמ זי איז אינ א גרויסער מאָס געגעבנ געוואָרנ אינ זעלבנ פלאנ, וואָס סערקעלע, איז זי אָבער א געשטאלט א מער קאָלאָריטע איידער אפילע די מייַסטעריש-אויסגעבויטע סערקעלע-געשטאלט. דאָס ווערט בא גאָלדפאדענענ פריִער פונ אלצ דערגרייכט מיט דער הילפ פונ דער דורכויס טיפיזירנדיקער שפראכ. טיפיזירנדיקע קראפט איז דאָ אינעמ גאנצנ הארמאָנישנ געוועב פונ דער לעקסיק, רייד-טנועס, אינטאָנאציעס, פויזעס א. ד. גל. אינ דעמ ריטמ פונ דער מומע סאָסיעס שפראכ, אינ דער סיסטעמ פונ אינטאָנאציעס טרעט בולעט ארויס



דער כאראקטער פונ דער מומע סאָטיע — איר ארט דענקענ, אירע לייַדנשאפטנ.

אָט איז, צומ בייַשפיל, א כאראקטעריסטישע רעפליק פונ דער מומע סאָסיע אינ א געשפרעכ מיטנ מאנ אירנ — מיט דאָדיענ:

ד אָ ד י ע (שוינ א ביסל אינ קאָס, טוט א שפייַ): טפו...

ס אָ ס י ע: טפו אליינ, די קאפאָרע מעגסטו טאקע זייַנ פאר איר, אונ זי פאר דיר, ראכמאָנעסדיקער גאָט! קוקט אימ נאָר אָנ א ביסל, ווי ער נעמט זיכ אָנ פאר איר — אייַנגעמענ זאָלסטו א מיסע מעשונע, זאָלסט נאָר אזוי צעשפרונגענ ווערנ, ווי מיר ווערט צעשפרונגענ די גאל, האָבנדיק מיט איר צו טונ, אָט מיט דער בעסטיע, אלע טאָג אייַנרייַסנ זיכ מיט איר דאָס געזונט, הייסנ איר דאָס טונ, הייסנ איר יענצ טונ, שיקנ זי נאָכ דעמ, שיקנ זי נאָכ יענעמ, אונ איר שטייט נאָכ דעמ טאטנ אירנ אינ קייווער קיינ קאָוועד ניט אָנ צו פאָלגנ. וואָס איז? זי שלאָגט אפנ פעטערס טקיפעס, זי דינט בא איר אייגענעמ פעטער — אוואדע מעג זי מיר שוינ טאקע קריכנ אפנ קאָפ, וואָס דענ? אז ער גיט איר נאָכ, וואָס זי וויל. אונ דאָס ווייַב? ס'זאָל אימ גאָר אָנגיינ, וואָס זי האָט אוש קיינ קויעכ ניט ארומצושלעפנ זיכ אפ די פיס, אז איר שטעכט שוינ, מייַנע סאָנימ, אינ די זייַטנ, ארומלויפנדיק טאָ אהינ, טאָ אהער. ער זאָל'ס אמאָל פרעגנ דאָס ווייַב, ווי א רעכטער מאנ: סאָסעניו, מייַנ לעבנ, צי האָסטו שוינ גענומענ עפעס אינ מויל ארייַנ, הארצ מייַנס? פארוואָס עסטו ניט, קרוינ מייַנס? פארוואָס טרינקסטו ניט? מאקעס וועל איכ דיר עסנ! קאדאָכעס וועל איכ דיר טרינקענ! נאָר איכ וועל בא דיר אזוי אויסגיינ ווי א ליכט, אונ לאָז מענ וויסנ, וואָס פאר א דאָליע איכ האָב געהאט. (זי צעוויינט זיכ) אוי, אז פארוויסט אונ פארפינצטערט זייַנענ מייַנע יאָרנ אונ טעג געוואָרנ, אז איכ האָב באדארפט ארייַנפאלנ צו'נ אזא ראזבויניק אינ די הענט, איכ האָב פארשפילט מייַנ וועלט. (זי ווישט אויס מיטנ טיכל די אויגנ.) טאָ מינאסטאמ איז מיר אזוי אָנגעשריבנ געוואָרנ פונ אויבנ".

אז איר לייענט אזוינע שטעלנ אינ גאָלדפאדנס פיעסנ, דערמאנט עס אייַכ אינ א היפשער מאָס אינ דער שפראכ פונ די העלדנ בא מענדעלענ, בא שאָלעמ-אלייכעמענ אונ בא אנדערע מייַסטערס פונ דער ייִדישער ליטעראטור.

אינ דער „מומע סאָסיע" איז די שפראכ פונ די פערסאָנאַזשנ אינ זינ פונ סצענישער אויסדריקלעכקייַט אפ א באַדייַטנדיקער קינסטלערישער הייכ, א הייכ, צו וועלכער גאָלדפאַדנ דערגייט אינ זייַנ שפעטערדיקנ דראַמאַטישנ שאַפנ בלויז אינ געציילטע ווערק. אינ דעם זינ איז דאָ נייטיק צו פאַרצייכענענ די שפראכ פונ די פאָזיטיווע העלדנ, — פונ איספאַנסקינ, קופערשטיקנ אונ זילבערווייַדנ. זייער שפראכ איז א פאָשעטע, א נאַטירלעכע, אינ דער זעלבער צייַט פילט זיכ אינ יעדנס רייד עפעס אייגנס, אַלנפאַלס אַנ אייגענע אינטאָנאַציע, א נאַטירלעכע אינטאָנאַציע, אַזאַ, וואָס איז ווירקלעכ פאַראַנ אינ לעבעדיקע רייד פונ מענטשנ.

עס איז אויכ אָנ סאָפעק קעדייַ צו פאַרצייכענענ די געשטאַלטנ פונ יודקע דעם שאַדכנ אונ ר' כאַזקל דעם טנאָימ-שרייַבער אינ דער קאָמעדיע „די מומע סאָסיע". סייַ יודקע, סייַ רעב כאַזקל זייַנענ געשטאַלטנ, וועלכע דערמאַנענ מיט זייער קינסטלערישער קוואַליטעט ווידעראַמאָל אינ די געשטאַלטנ פונ די קלאַסיקער פונ דער יידישער ליטעראַטור.

„די מומע סאָסיע" איז אַ אזא אויפנ ניט נאָר א גוט טעאַטער-שטיק, נאָר אויכ א גוט ליטעראַריש ווערק אונ, מעגלעכ, דאָס בעסטע ליטעראַריש ווערק, וואָס גאָלדפאַדנ האָט אָנגעשריבנ.

2

א צווייט באַדייַטנדיק ווערק גאָלדפאַדנס איז די „קישעפמאַכערנ". טעמאַטיש אונ אידייִש איז „די קישעפמאַכערנ" אויכ שטאַרק ענלעכ אפ עטינגערס „סערקעלע". פונקט ווי אינ „סערקעלע", האָבנ מיר דאָ דעם מאָמענט פונ איזדעקעווענ זיכ איבער אַנ עלנטער יעסוימע אונ אויכ די שטרעבונג רייַכ צו ווערנ אפ א שווינדלעריש-פאַרברעכערישנ אויפנ. דאָ, אינ דער „קישעפמאַכערנ", קומט נאָכ צו די פאַרברעכערישע פאַרעטערישקייַט פונ א פאַלשער פרוי בענעגייע צו איר מאַנ.

לויטנ סיוזשעט איז די קישעפמאַכערנ א געמיש פונ רעאַלנ, וואָרהאַפטיקנ (דאָס פייַערנ מירעלעס געבורט-טאָג, דער מאַרק) מיט פאַנטאַסטישע געשיכטעס פונ די מייַסע-ביכלעכ (בא דער „קישעפמאַכערנ" אינ שטוב, אינ סטאַמבולער קאַפע-שאַנטאַנ).

אינ אונטערשייד פונ דער „מומע סאָסיע", וואָס איז צוגלייַכ שטאַרק אי ליטעראַריש, אי סצעניש, איז די קראַפט פונ דער „קישעפמאַכערנ"



דעריקער אינ איר אויסגעצייכנטער טעאַטראַלישקייַט. שוינ די פאַרשיידענע מינימ ערטער, ווו די שפיל קומט פאָר — אוראָמציעס שטוב, אינ מאַרק, בא דער קישעפמאַכערנ, אינ סטאַמבול, אינ קרעטשמע — מאַכנ די זאַכ שטאַרק טעאַטראַליש. כוץ דעמ טראָגנ אַרייַנ די צוויי מייַסטערישע געשטאַלטנ פונ האָצמאַכנ אונ די באָבע יאַכנע אַזויפיל לעבנ אינ דער פיעסע, אַז אינ זייער אָנוועזנהייַט פאַרגעסט מענ אָפילע אינ דער בלאַסקייַט פונ די איבעריקע פערסאָנאַזשנ.

האָצמאַכ אונ די באָבע יאַכנע זייַנענ אינ ליטעראַרישנ אונ אינ סצענישנ זינ דער צענטער פונ דער פיעסע. גאָלדפאַדנ האָט די סענטימענטאַל-רעאַליסטישע אונ פרימיטיוו-פאַנטאַסטישע מייַסעס פונ דעמ „קישעפמאַכערנ"-סיוזשעט זייער טאַלאַנטפול „פאַרפראַוועט" אונ פאַרשטאַרקט מיט אָט די צוויי קינסטלעריש-לעבעדיקע אונ סצענישע געשטאַלטנ.

ווער איז אַזוינס האָצמאַכ? — א קאַפצנ, א הענדלער, א מאַרשעלעק, א וויצלינג — אַלצדינג אינאיינעמ, אימ ציט צו די מער אופגעקלערטע אונ ערלעכע מענטשנ (צו מאַרקנ, מירעלענ אונ אוראָמציענ). האָצמאַכ איז א פאָלקס-מענטש, האָט ליב מענטשנ, אינ דער זעלבער צייַט איז ער ושעדנע, געלטגייַציק. פרייַער פונ אַלצ אָבער וואַרפט זיכ אינ די אויגנ — האָצמאַכ דער פרייַלעכער קאַפצנ, וואָס שטענדיק איז ער דאָ פאַר אונדז מיטנ שפאַס, מיט דער איראָניע איבער זיכ אַלייַנ — האָצמאַכ דער קאָמעדיאַנט. האָצמאַכס כאַראַקטער קאָנ אילוסטרירט ווערנ מיט יעדנ בילד, אינ וועלכנ האָצמאַכ פיגורירט. אָט איז די סצענע פונ האָצמאַכנ בא דער קישעפמאַכערנ:

(האָצמאַכ קלאַפט אָנ אינ טיר לינקס. איינע פונ די מיידלעכ לויפט צו צומ טיר).

מיידל: ווער קלאַפט עס דאָרט?

האָצמאַכ (פונדרויסנ): אוואַדע האָצמאַכ! קוקט מיכ אָנ אונ קאָכט וועטשערע, דער רועכ זאָל מיכ נעמענ! די באָבע יאַכנע איז דאָ אינדערהיימ?

מיידל: ניינ. וואָס ווילסטו?

האָצמאַכ: אָבער איר, מיידלעכ, זייַנט דאָכ יאָ דאָ! איכ וואָלט געוואָלט, אַז איר זאָלט מיר אָפטונ א קישעפ, אַז, אַז... דער רועכ זאָל מיכ נעמענ!

מיידל: ניינ, דאָס קאָנענ מיר ניט, זאָג, וואָס דו ווילסט.

האָצמאַכ: רייַשיס, וואָלט איכ געוואָלט, אַז איר זאָלט מיר

אָפּטון א קישעף, מײַן ווײַב זאָל אפּ מיר ניט שרײַען, דער רוּעך זאָל מיך נעמען! ס׳הייסט, איר זאָלט מיר געבן אזא מין שמירעכץ, אז ווען זי וועט נאָר אָנהייבן צעלאָזן דעם פּיסק, זאָל איך איר מיט דעם שמירעכץ א שמיר טון איבער די ליפּן, זאָל זי שוין אפּן אָרט כאַפּן א שטומעניש, דער רוּעך זאָל מיך נעמען! וועהאַשיינים, האָב איך געוואָלט בעטן, אז איר זאָלט אָפּטון אזא מין קישעף, אז פון א שטיקל לײַוונט, וויפל איך וועל מעסטן, זאָל זיך עס צעציִען אלע מאָל מער, אזוי אז עס זאָל ארויס 96 מאָל מער איילן און נאָך אלעמען זאָל עס בלײַבן בא מיר, איך זאָל עס ווידער פארקויפן און איבערנײַס נעמען געלט דערפאר.

מײדל: שוין, דאָס קענען מיר, נאָר צום ערשטן מוזן מיר פארבינדן די אויגן. (זי רופט צו נאָך א מיידל, וועלכע גייען צוזאמען ארויס אים פארבינדן די אויגן).

האָצמאך (פונדרויסן): מעג איך מיט מיר מיטנעמען דאָס קעסטעלע מיט סגוּלע אויך? וואָרעם איך האָב מוירע, אז איר זאָלט מיר ניט אָפּטון א קישעף, אז עס זאָל מיר ניט בלײַבן איין זאָקנבענדל, דער רוּעך זאָל מיך נעמען!

מײדל: נישקאָשע, האָב קיין מוירע ניט, קום ארײַן. (פירן אים ארײַן פארבונדענערהייט).

האָצמאך (טוט עטלעכע טריט ווי מיט מוירע): אוי, אוי! וווהין פירט איר מיך? איר ווייסט, אז איך הייב שוין אָן מוירע צו האָבן? (ווי פירן אים ווײַטער.) שטייט, דער רוּעך זאָל מיך נעמען! מיר דאכט זיך, אז די ערד שפּאַלט זיך אונטער מיר. הערט מיך שוין אוף צו פירן, איך האָב א ווײַב מיט אסאך קינדערלעך, דער רוּעך זאָל מיך נעמען!״

דאָ און אין אנדערע ערטער איז צו זען: האָצמאך איז אן אימפּעטפולע געשטאלט, א קוועקזילבער, און אין דער זעלבער צײַט — א פאָלקס־געשטאלט. אפּילע זײַנע הענדלעריש־שווינדלערישע געשעפטן און זײַן געלט־גײַציקײַט מאכן מער פון אלץ אן אײַנדרוק פון קאָמעדיאַנטישע שטיק.

א פײַן אויסגעפורעמטע געשטאלט איז אויך די באָבע יאכנע — א געשטאלט, וואָס איז פול מיט ברויז. דער באָבע יאכנעס שפּראך, אירע אינטאָנאציעס, איר רעזאָנירונג און די גאנצע ראָליע, וואָס זי שפּילט אין דער פּיעסע, אנטפּלעקן אפּ א מײַסטערישן אויפן די פארברעכעריש־



קײַט פון אָט דער „קישעפמאכערישער״ סוויווע, וואָס איז א סאָרט אונטערוועלט. אין הינזיכט פון טיפּיזירנדיקער שפּראך איז די באָבע יאכנע איינע פון די בעסטע פרויען־געשטאלטן בא גאָלדפאדענען. צו איר קאָן זיך גלײַכן בלויז די פריִער־דערמאָנטע געשטאלט פון דער מומע סאָסיע. אין דער געשטאלט פון דער באָבע יאכנע איז נאָך פאראַנ דערצו גוטע שפּאַרעוודיקײַט, צימצעם. אין זין אָבער פון סצענישקײַט האָבן די געשטאלטן פון האָצמאכן און דער באָבע יאכנע קירמאט קיין גלײַכן ניט צו זיך אין דער גאנצער גאלעריי פון גאָלדפאדנס געשטאלטן. אז איר לייענט די פּיעסע, פילט איר, אז איטלעכ וואָרט בא האָצמאכן און בא דער באָבע יאכנע האָט סצענישן רייץ, עס קוואלט מיט שפּיל, מיט זשעסט. איטלעך וואָרט — מאמעש עס בעט זיך אפּ דער סצענע. די גרויסע סצענישע עפעקטיווקײַט פון די דאָזיקע געשטאלטן איז בוילעט צו זען אין דער פאָרשטעלונג „די קישעפמאכערן״ אין מאָסקווער יידישן מעלוכע־טעאטער, אראנק דער אויסגעצייכנטער אינטערפּרעטאציע פון אָט די געשטאלטן דורך די ארטיסטן מיכאעלס (האָצמאך) און זוסקין (די באָבע יאכנע).

אין דער „קישעפמאכערן״, פונקט ווי אין אלע אנדערע פּיעסן גאָלדפאדנס (אויסער דער „מומע סאָסיע״), איז אין אסאך ערטער ארײַנגעפלאָכטן לידער־געזאנג. דער ערשטער האָט דעם דאָזיקן זשאנר אין דער יידישער ליטעראטור גענומען פּראקטיקירן גאָטלאָבער אין זײַן „דעקטוך״. גאָלדפאדן האָט דעם דאָזיקן זשאנר זייער אסאך פארפולקומט. ער האָט, אייגנטלעך, דער ערשטער געשאפן די יידישע אָפּערעטע.

די מאטיוון פון די לידער, וואָס ווערן געזונגען אין דער קישעפמאכערן, זײַנען אָדער מעלאָדראמאטישע (די לידער, וואָס מירעלע זינגט) אָדער סאטירישע (האָצמאכס לידלעך). אזא כאראקטער טראָגט דאָס לידער־געזאנג קימאט אין אלע זײַנע רעאליסטיש־שטייגערישע פּיעסן.

3

כוץ דער „מומע־סאָסיע״ און דער „קישעפמאכערן״ האָבן מיר בא גאָלדפאדענען נאָך דרײַ פּיעסן — „די ביידע קוני־לעמלעך״, „שמענדריק״ און „די באָבע מיטן אייניקל״ — וועלכע גייען ארײַן אין אָט דעם באנד און אויך זיי געהערן צו די שטארקסטע ווערק זײַנע.

לויטנ זשאנר זײַנענ „די בײדע קוני־לעמלעכ״, „שמענדריק״ און „די באָבע מיטנ אײניקל״ קאָמעדישע אָ פּ ע ר ע ט ע ס, צום אונטערשייד פונ דער „מומע סאָסיע״, וועלכע איז א קאָמעדיע אָנ געזאנג, און צום אונ־טערשייד פונ דער „קישעפמאכערנ״, וואָס איז א מינ מעלאָדראַ־מאטישע אָפּערעטע. ס׳איז אינטערעסאנט צו פארצייכענענ, אז די מאסקילישע טענדענצנ גאָלדפאדנס זײַנענ אינ די קאָמעדיישע אָפּערע־טעס אסאכ מער אקצענטירט, ווי אינ דער „קישעפמאכערנ״ און אפילע ווי אינ דער „מומע־סאָסיע״. אינ אָט די אָפּערעטעס קומט צו דער קאמפּ קעגנ פאנאטיזום, קעגנ „שארנ זיכ אינ ייִכעס״ און קעגנ אנדערע פאָרורטיילנ באמ שליסנ שידוכימ.

די פּיעסנ „די בײדע קוני־לעמלעכ״ און „שמענדריק״ זײַנענ לויט דער אידיי און לויטנ סיוזשעט זייער ענלעכ אײנס אפנ צווייטנ, זיי זענענ אויס אינ א געוויסער מאָס ווי צוויי וואריאנטנ פונ אײנ ווערק. אינ בײדע פּיעסנ האָבנ מיר די אייגענע טעמע, די אייגענע אינטריגע, דעמ אייגענעמ טריוק פונ איבערקליידונג, און פריִער פונ אלצ די אייגענע אידיי — דאָס אָפּנארנ די פאָרשטייער פונ דער אלטער וועלט און דער טריומפ פונעמ גערעכטנ און אופגעקלערטנ צאר.

עמעס, „די בײדע קוני־לעמלעכ״ זײַנענ אינ אידיישנ זינ ברייטער פונ „שמענדריק״. אינ „די בײדע קוני־לעמלעכ״ ווערט פאראלעל מיט דער סאטירע אפּ די פארקריפּלונגענ באמ שליסנ שידוכימ אויכ אויסגעלאכט דער פאנאטיזמ פונ די כסידימ און דאָס גלייבנ, אז מייסימ קומענ צו די לעבע־דיקע א.ד.גל. די „בײדע קוני־לעמלעכ״ איז אנ עכט מאסקילישע פּיעסע. כוצ די שוינ אָנגעוויזענע מאָמענטנ (די סאטירע אפּ די פאנאטיקער, כסידימ א.ד.גל.) איז עס אויכ צו זענ אינ דער דײַטשמערישער שפּראכ פונ דער מערהײַט אופגעקלערטע פּאָזיטיווע פּערסאָנאזשנ און אינ דער היפּשער צאָל מאסקילישע רייד, וואָס מיר האָבנ אינ דער פּיעסע.

וואָס שײַעכ מאסקילישע רייד, איז זייער כאראקטעריסטיש דער דיאלאָג צווישנ ר׳ פּינכעסנ און ר׳ שאָלעמענ (7־טע סצענע, 3־טער אקט).

„פּ י נ כ ע ס (ווי אומצופרידנ): וואָס? אײַער ברודער איז גאָר א דאָקטער? (ער פארקרימט זיכ).

ש אָ ל ע מ: הערט אויס, ר׳ פּינכעסל, עס איז שוינ צײַט, איר זאָלט אײַכ עפענענ די אויגנ. איר זאָלט מיר מויכל זײַנ, וואָס איכ זאָג עס אײַכ, ווײַל איר זענט אנ עלטערער מענטש. נאָר בארעכנט אלײנ, וואָס איר האָט געוואָלט אומגליקלעכ מאכנ



אײַער אײגנ קינד. צוליב וואָס? צוליב ייִכעס. איכ קאָנ קיינ אוולעס ניט לײַדנ, ער איז דאָכ מיר ניט פרעמד, נאָר פונ־דעסטוועגנ פרעג איכ אײַכ, ווי קאָנ א טאטע האָבנ דאָס הארצ און פארקויפנ זײַנ אײגנ קינד פאר א קאליקע, אז ס׳איז אײַכ גאָר קיינ נויט ניט. איר זײַנט רײַכ, א שיינער באלעבאָס, א כאָשעוו אינ שטאָט. וואָס איז, איר האָט געוואָלט ייִכעס! מיינט ניט, ר׳ פּינכעסל, אז איכ בינ אזא כאָסיד, ווי איר האלט מיכ, ניט אײנמאָל האָב איכ מעקאנע געווענ מײַנ ברודער, וואָס ער איז געקומענ צו אזא מאדרייגע און האָט געמאכט לײַט פונ זײַנ קינד. מיר מוזנ שוינ שפּילנ די אלטע ראָליע, ווײַל מיר זײַנענ מענטשנ פונ דער אלטער וועלט. נאָר מיט די געדאנקענ דארפנ מיר ניט זײַנ פארנארישט. איכ זאָג אײַכ, ר׳ פּינכעסל, אז איר מעגט אײַכ גליקלעכ שעצנ און פאר א קאָוועד האלטנ, וואָס איר האָט מײַנ ברודערס זונ פאר אנ אײדעמ. פרומ איז ער עפּשער אקוראט ווי איר, נאָר דערצו איז ער נאָכ געבילדעט. דאָס הייסט, אי צו גאָט, אי צו לײַט. פאָלגט מיכ, ר׳ פּינכעסל, און טראכט ניט קיינ סאכ און זאָגט נאָר דאָס אײנע וואָרט „יאָ״, און לאָז זײַנ מיט גליק״.

דאָס אייגענע און אויכ די דײַטשמעריזמענ איז צו זענ פונ מאקס א רעפּליקע אינ דער אכטער סצענע פונעמ זעלבנ אקט.

„מ א ק ס: איצט וועל איכ אײַכ זאָגנ, ווער די מייסימ זײַנענ געווענ. עס זײַנענ געווענ מײַנע קאמעראדנ. געטאָנ האָב איכ עס עבנ דערומ, ווײַל איכ האָב געהערט, אז איר זענט געווענ פארגלייבט אינעמ קוני־לעמל, אז ער איז א לאמעדוואָווניק — ער קאָנ טאנצנ מיט מאלאָכימ, ריידנ מיט מייסימ. (אלע לאכנ). האָב איכ גענומענ מײַנע קאמעראדנ, האָב זיי פארקליידעט פאר מייסימ און האָב זיי געשטעלט בא אײַכ הינטער די פענצ־טער, קעדיי איר זאָלט זיכ דערשרעקנ — אויב איר ווילט זיי זענ, קומט מיט מיר, וועל איכ אײַכ זיי ווײַזנ. זיי זײַנענ יעצט בא אײַכ אינ גאָרטנ.

א ל ע (לאכנ): קומט, קומט, לאָמיר גיינ זענ מייסימ, לעבעדיקע מייסימ. (אלע גייענ אוועק לינקס).״

די דאָזיקע, ווי אויך א ריי אנדערע ערטער, ווײַזן די אויסגעשפּראָכענע מאסקילישע טענדענצן פון „די בײדע קוני־לעמלעך".

אויך אין הינזיכט פון געשטאלטן און באזונדערס וואָס שײַכ סצעניש קײַט, שטייען „די בײדע קוני־לעמלעך" אפ א באדײַטנדיקער קינסט־לערישער הייך. באזונדערס שטארק זײַנען די סצענעס: פינכעס — ריווקע (אין אָנהייב פון ערשטן אקט), קאראָלינע — קוני־לעמל, פינכעס — קוני־לעמל און די סצענע פינכעס — קאלמענ, ליבע — קוני־לעמל.

אָט איז די דאָזיקע לעצטע סצענע:

„ל י ב ע: הא, הא! ביסט דאָ, דו ליגנער! איך האָב דיך דערטאפּט.

ק א ל מ ע נ: וואָס טוסטו דאָ, ליבעלע? כאפּ ניט!

ל י ב ע: איך בינ מיר געקומענ אָפּרעכענענ מיט דעמ ליגנער.

ק ו נ י ־ ל ע מ ל: וויי איז מיר! וו...וואָס איז דאָס פאר א מ...מינ אָנשיקעניש אפ מײַנ קאָפּ? וואָס וו...וויל זי?

ל י ב ע: וואָס איך וויל? זאָג מיר, וואָס האָסטו מיך געהאט אָפּצונארנ?

ק ו נ י ־ ל ע מ ל: וו...וואָס זאָגט איר? ז...זי איז שוינ גאָר מיט מיר איינ קנעפּל? זי ז...זאָגט מיר שוינ „דו". זאָג נאָר, דו קאָנסט מיך דענ, וואָס דו ז...זאָגסט מיר „דו"?

ל י ב ע: צי איך קאָנ דיך? יאָ, איך קאָנ דיך גאנצ גוט.

ק ו נ י ־ ל ע מ ל: אז דו קאָנסט מיך יאָ... ז...זײַ־זשע מיר מײַנ איידעס, אז איך הייס ק...קוני־לעמל!

ל י ב ע: יאָ, איך וועל באלד באווײַזנ, ווער דו ביסט. דו ביסט געקומענ צו אונדז אינ שטוב ארײַנ מיך אָפּצונארנ. דו האָסט געזאָגט, אז דו האָסט מיך ליב, און דורכ דעמ האָב איך דיך אויך ליב באקומענ. פּלוצעמ ביסטו אנטלאָפנ. ניינ, איצט לאָז איך דיך שוינ ניט אָפּ.

ק ו נ י ־ ל ע מ ל (מיט א שמייכל): איך האָב מיר ק...קיינמאָל גאָר ניט געוואָלט גלייבנ, אז אלע מיידלעך זאָלנ מיך אזוי ל... ליב האָבנ. יענע האָט מיך געוואָלט ק...קושנ, אצינד רײַסט זי פונ מ...מיר די הויט אראָפּ, זי לאָזט מיך שוינ ג..גאָר ניט אָפּ.



ל י ב ע: איך לאָז זיכ טאקע ניט אָפּ. דו מוזט האלטנ דײַנ וואָרט, וואָס דו האָסט מיר צוגעזאָגט.

ק ו נ י ־ ל ע מ ל: וואָס פאר א וואָרט?

ל י ב ע: דו ביסט דענ אליינ ניט געשטאנענ פאר מיר אפ די קניעס?

ק ו נ י ־ ל ע מ ל: אפ די ק...קניעס? מע טאָר דענ?

ל י ב ע: געדענקסט, ווי דו האָסט מיר אפילע געזונגענ קו־קו!

ק ו נ י ־ ל ע מ ל: מ...מיר איז שוינ אזוי ב...באשערט, אז וו א מיידל שפּילט זיכ מיט מיר אינ קו־קו.

ל י ב ע (צו פינכעסלען, וועלכער האָט די גאנצע צײַט געשטאַנענ שטומ מיט קאלמענענ און האָט אימ אלצ געוויזנ מיט די הענט, וויאזוי דער כאָסנ זײַנער האָט געוואָלט אַרויספּליענ, און וויאזוי ער האָט אימ געוויזנ מיסימ און נאָכ זאכנ): הערט איר, ר' פינכעסל, איר זאָלט וויסנ, אז דאָס איז ניט קוני־לעמל, ער וויל אײַכ נאָר אָפּנארנ, אזויווי ער האָט מיכ אָפּגענארט. וואָרעמ אז ער איז געווענ מיט מיר אליינ, איז ער געווענ גאָר אנ אנדער מענטש — ער האָט געזענ גלײַכ, געגאנגענ, גערעדט גלײַכ, ווי אלע מענטשנ.

ק ו נ י ־ ל ע מ ל: דעמ נעס וואָלט איך אויך ג...געוואָלט אמאָל זענ.

ל י ב ע: אפילע די באָרד האָט ער זיכ אויך אומיטסנ אָנגעטאָנ, קעדיי איר זאָלט מיינענ, אז דאָס איז קוני־לעמל און זאָל אויסנארנ בא אײַכ די טויזנט רענדלעך נאדנ. א סימענ האָט איר, אז איך וועל זי אימ באלד אראָפּרײַסנ. (לויפט צו אימ מיט א געשריי) אהער גיב די באָרד! (קוני־לעמל רײַסט זיכ אויס און לויפט פונ איר אוועק)".

דאָ איז כוצ וואָרט־קאָמיזמ פאראנ אויך היפּש סיטואציע־קאָמיזמ. אלע ווײַלע קומט צו אומגעריכט נײַער און נײַער קאָמיזמ, און אינ סאכאקל באקומט זיכ א מאָליעריש־שפּאנענדיקע סצענע.

„די בײדע קוני־לעמלעך" פארמאָגנ א ריי גוטע קינסטלערישע געשטאלטנ — מאקס, ריווקע, פינכעס, קוני־לעמל, ליבע. אינ פארגלײַכ מיט „שמענדריק" פארמאָגט די גאנצע סיזשעטישע ליניע פונ „די בײדע קוני־לעמלעך" מער שפּאנונג און די געשטאלטנ — מער אויסדריקלעכקײַט.

„די בײדע קוני־לעמלעך" דערמאנענ שטארק אינ אקסנפעלדס „די געגארטע וועלט". דאָ האָבנ מיר ניט נאָר די אייגענע אידיי פונ קאמפּ קעגנ

כסידישן פאנאטיזם, צוואנג־שידעכ — דאָ פאלן צונויפּ אפילע די מע־
טאָדן פון אָפּנארן די „אלטע וועלט", די ווילדע פאנאטיקער. מיר האָבן
דאָ די אייגענע גענג, וואָס אין דער „גענארטער וועלט" (דער טריוק
מיט די מייסים). אויכ מאקס ברייטהארציקײַט און לײַטישקײַט, ווען
ער שענקט ליבען א טייל פון זײַן נאדן מיט דעם טנײַ, זי זאָל כא־
סענע האָבן מיט קוני־לעמלען, דערמאָנען יײַסראָעל שטשופּאקס גענג
אין דער „גענארטער וועלט". א קאָפּיע פון דער יעכיליק־געשטאלט
(אין אקסנפעלדס „גענארטע וועלט") איז די געשטאלט פון שמענדריק אין
דער דערמאָנטער פיעסע גאָלדפאדנס מיט דעם זעלבן נאָמען. שמענ־
דריק איז פונקט דער אייגענער טיפּ פון א טיפּעשעוואטן יינגעלע, א
נישטיק נעפעשל, ווי אקנספעלדס יעכיליק.

נאָכ מער ווארפט זיכ אין די אויגן די ווירקונג פון גאָטלאָבערס
„דעקטוכ" אף גאָלדפאדענען. דער סיוזשעט אין זײַנע גרונט־ליניעס,
די אינטריגע, דער טריוק פון פארשטעלן זיכ און אָפּנארן די פאנא־
טיקער פאלט אין „די ביידע קוני־לעמלעכ" איינגאָנצן צונויפּ מיט גאָט־
לאָבערס „דעקטוכ". אפילע דער נאָמען פונעם נארישן, אידיאָטישן
כאָסן — לעמל — איז אויכ אין ביידע פיעסן איינער און דער זעלבער.
„די ביידע קוני־לעמלעכ" זײַנען נאָר קינסטלערישער און סצענישער
פארן „דעקטוכ". אין „די ביידע קוני־לעמלעכ" האָבן מיר בלויז א פּאָר
ערטער, וואָס דערמאָנען אין דער האמעטנעקײַט פונעם „דעקטוכ"
(די שנעלע ניט־מאָטיווירטע ענדערונגען אין פינכעסן און נאָכ אייניקע
קלענערע שטעלן). אין אלעם איבעריקן איז עס א היפּש קינסטלערישע
קאָמעדיע.

ס'איז אָבער וויכטיק צו באמערקן, אז אויב אין זין פון סיוזשעט,
האנדלונג, אינטריגע איז „שמענדריק" און, באזונדערס, „די ביידע קוני־
לעמלעכ" מער פון אלץ ענלעכ אף גאָטלאָבערס „דעקטוכ", איז אין זין
פון אידייִשער אײַנשטעלונג זײַנען זיי מער קרויוויש צו אקסנפעלדס
„די גענארטע וועלט". בא גאָטלאָבערן איז דאָס אָפּנארן די פאנאטיקער
אזויוי בלויז צוליב אָפּנארן, און בא אקסנפעלדן איז דאָס אָפּנארן
צוליב אופקלערן. אין אקסנפעלדס „די גענארטע וועלט" האלט מען
אופקלערערישע רעדעס, און אין רעזולטאט פונעם אָפּנארן און דעמאס־
קירן די פאנאטיקער גייען טאקע אייניקע אריבער אינעם לאגער פון
די אופגעקלערטע. אָט דאָס אייגענע האָבן מיר אויכ בא גאָלד־
פאדענען.





אפּן שאר־בלאט פון גאָלדפאדנס פּיעסע „די באָבע מיטן אייניקל"
שטייט געשריבן: א מעלאָדראמע אין 3 אקטן. דער דריטער אקט
איז אינעמעסן בלויז אן עפּילאָג.

„די באָבע מיטן אייניקל" באַרײַכערט גאָלדפאדנס געשטאלטנ־
גאלעריע. מע דארף אָפּצייכענען די געשטאלט פון דער באָבע באָנציע
און די געשטאלט פון אָדעלען. די באָבע באָנציע איז געמאָלט שפּאָ־
רעוודיק, קאָלאָריטפול. אין אָדעלען טרעפן מיר זיכ ווידער מיט
גאָלדפאדנס פייִקײַט צו מאָלן קינסטלעריש־רעאליסטיש געשטאלטן
פון אופגעקלערטע מענטשן פון זײַן צײַט (א פייִקײַט, וואָס עס
איז, ווי געזאָגט, זייער זעלטן געווען צו טרעפן בא די מאסקילישע
שרײַבער).

„די באָבע מיטן אייניקל" איז ביכלאל זייער א כאראקטעריסטיש
ווערק פאר גאָלדפאדענען. אין דער „באָבע מיטן אייניקל" קומען זיכ
צונויפּ א ריי טעמאטישע און אידייִשע ליניעס, וועלכע מיר האָבן
געזען אין די פריערדערמאנטע ווערק גאָלדפאדנס. ריכטיקער געזאָגט,
„די באָבע מיטן אייניקל", וואָס איז איינע פון די סאמע ערשטע דראַ־
מאטישע ווערק גאָלדפאדנס, איז ווי אן אויסגאנג־פונקט פאר א ריי
טעמאטיש־אידייִשע ליניעס, וואָס מיר זעען אין זײַנע שפּעטערדיקע
ווערק. דאָ האָבן מיר אי דעם מאָמענט פון קאמפ קעגן פאנאטיזם
און אָבסקוראנטיזם, אי דעם מאָמענט פון צוואנג־שידעכ. מיר האָבן
דאָ, אייגנטלעכ, אויכ דעם לייט־מאָטיוו פון אלע פריער דורכ אונדז
באהאנדלטע פּיעסן — דאָס אָפּנארן די „אלטע וועלט".

אין דער „באָבע מיטן אייניקל" זײַנען זייער בולעט די פארשיי־
דענע ארטן קאָמיזמען, וואָס דער אוטאָר ווענדעט אָן. א ריי סצע־
נעס זײַנען געבויט אף אויסגעשפּראָכענעם סיטואציע־קאָמיזם. צום
בײַשפּיל, דער באָבעס שפּײַען „טפו־טפו", ווען זי רעדט מיט
טעוויע־שמײַע דעם שאדכן, ציִ די געלונגענע סצענע, ווען אָדעלע
לייענט דעם דײַטשישן בריוו פון איר געליבטן, און די באָבע לייענט
אין אן אנדער ווינקל פון צימער אף א כאָאָטישן אויפן פּסוקים פון
„צענערענע".

היפּש אקצענטירט איז אויכ דער וואָרט־קאָמיזם. כוץ אָדעלעס
קאָמישן פארטײַטשן די דײַטשישע ווערטער באגעגענען מיר בא
דער באָבע באָנציע אזוינע אויסדרוקן, ווי „מײַן שיִעכ וועט קומען"

(אָנשטאָט מאָשיעכ וועט קומענ), „רעב מייער באלנעס פושקעס קיווער״
(אָנשטאָט ר׳מייער באלנעס קיווער) אונ אנדערע קאָמיש־פארקריפלטע
אויסדרוקנ.

נאָכ א זאכ באקומט זיכ זייער בוילעט בא גאָלדפאדענענ אינ דער „באָבע מיטנ אייניקל״ — די ראָלע, וואָס דאָס דײַטש־ריידנ שפילט אינ זײַנע ווערק. אז די פאָזיטיווע געשטאלטנ זאָלנ ריידנ דײַטש — דאָס איז א טראדיציע פונ דער גאנצער מאסקילישער ליטעראטור — אָנגעהויבנ פונ יִיצכאָק אייכל אָנ. אינ די הויפט־ווערק פונ דער מאסקילישער ליטעראטור (בא אייכלענ, בא עטינגערנ אונ אויכ בא מענדעלענ אינ זײַנע ערשטע ווערק) סימוואָליזירט דאָס דײַטש־ריידנ אויפגעקלערטקײַט. בא די מאסקילישע שרײַבער (אויסער מענדעלענ) דריקט עס אויכ אויס די באציִונג זייערע צו יִידיש: מיט דעמ דײַטש־ריידנ זײַנענ די דאָזיקע שרײַבער אויסנ געווענ צו אונטערשיידנ די מאסקילימ, אופהייבנ זיי העכער פונ דער „זשארגאָניש־ריידנדיקער מאסע״. מעגלעכ, אז מיר האָבנ דאָ אויכ צו טונ מיט נאטוראליזמ אינעמ מעטאָד פונ די דאָזיקע שרײַבער: אינ לעבנ האָט אָט דער טיפ מענטש, דער מאסקל, ווירקלעכ אָפט גערעדט דײַטש.

אינ גאָלדפאדנס ווערק איז די לאגע אינ גרונט אנ אנדערע. פאר גאָלדפאדנס סטודענטנ אונ אנדערע אויפגעקלערטע פערסאָנאזשנ איז די נאטירלעכע שפראכ — יִידיש. דאָס דערקלערט זיכ פריִער פונ אלצ דערמיט, וואָס די צײַט אונ די סוויווע, פונ וועלכע גאָלדפאדנ נעמט זײַנע פאָזיטיווע אויפגעקלערטע געשטאלטנ, איז אנ אנדערע איידער בא יענע שרײַבער. אזא טיפ מענטשנ, ווי איספאנסקי, קיפערשטיק, זילבערזײַד („די מומע סאָסיע״), מאקס („דיביידע קוני־לעמלעכ״), מארקוס („קישעפמאכערנ״), דאָוויד („שמענדריק״), אָדעלע („די באָבע מיטנ אייניקל״) איז אסאכ נעענטער צו די פאָלקס־מאסנ איידער אייכלס נאטאנ, עטינגערס גוטהערצ אונ זייער גלײַכנ. דאָכ האָבנ מיר בא גאָלדפאדענענ קימאט אינ אלע פיעסנ פערסאָנאזשנ, וואָס ריידנ דײַטש. דאָס דײַטש־ריידנ אינ גאָלדפאדנס ווערק אָבער האָט בלויז טיילווײַז די אויפגאבע צו כאראקטעריזירנ דעמ קולטור־ניוואָ, די אויפגעקלערטקײַט פונ די פערסאָנאזשנ. די הויפט־זאכ, צוליב וועלכער עס ווערט ארײַנגעפירט, איז — צוועקנ פונ קאָמיזמ (אגעוו, ווערט דאָס דאָזיקע מיט דערפאָלג שפעטער פארגעזעצט בא שאָלעמ־אלייכעמענ אינ זײַנע איינאקטערס א. אנד.).



אינ דעמ פראט האָט גאָלדפאדנ וויניקער פונ אלצ געצויגנ די טראדיציע פונ דער מאסקילישער ליטעראטור אונ מער פונ אלצ — די טראדיציע פונ דער „פורימשפיל״ [1]. אינ דער „פורימשפיל״ זעענ מיר, ווי מיט דער הילפ פונ ארײַנפלעכטנ דײַטשישע ווערטער ווערט דערגרייכט זייער א באדײַטנדיקער קאָמישער עפעקט. פאר א בײַשפיל קאָנ גענומענ ווערנ כאָטש די פריִער ציטירטע שטעל פונ דער „מעכירעס־יאָסעפ״־שפיל:

אכ, יאָסעפ, מײַנ קינד!
איכ בינ, דאכט זיכ, קראנק,
איכ בינ ניט קראנק איבער דײַנע קראנקײַטנ,
נאָר בלויז איבער דײַנע שיינהײַטנ!
איכ בינ א יונגע ווײַבכענ,
איכ האָב אנ אלטנ מאנ,
שניי־ווײַס איז מײַנ לײַבכענ,
מע זעט מיכ גאָר ניט אנ.

די ווערטער „ווײַבכענ״, לײַבכענ אונ אנדערע דײַטשמעריזמענ פארשטארקנ דאָ באזונדערס דעמ פאראָדיע־עלעמענט אונ דעמ קאָמישנ עפעקט. נאָכ מער איז דאָס צו זענ אינ דער „אכאשווירעש־שפיל״.

בא גאָלדפאדענענ איז אמבעסטנ צו זענ אָט די ראָל אונ באלײַכטונג פונעמ דײַטש־ריידנ אינ זײַנ פיעסע „די באָבע מיטנ אייניקל״, דער לערער אונ אָדעלע ריידנ אפ א לעבעדיקער יִידישער שפראכ — ניט נאָר מיט דער אלטער באָבענ — זיי ריידנ אויכ צווישנ זיכ נאטירלעכ יִידיש. דער לערער אונ אָדעלע הייבנ אָנ צו פירנ זייער געשפרעכ אינ דײַטש ערשט דעמלט, ווענ זיי קלײַבנ זיכ אָפשפילנ מיט דער אלטער באבענ דעמ „געגנאר״. דאָס דײַטשישע ליבע־בריוול, וואָס אָדעלע באקומט, האָט זײַנ גרונט אינעמ יִידישנ לעבנשטייגער (בריוו אונ באזונדערס ליבע־בריוו פלעגט זײַנ אפילע בא פאָלקס־מענטשנ א מאָדע צו שרײַבנ היפש דײַטשמעריש לויטנ בריוונשטעלער). דאָכ איז לײַכט צו זענ, אז דער אווטאָר האָט עס אינ דעמ פאל ארײַנגעפירט מער פונ אלצ צוליב עפעקטנ פונ קאָמיזמ: אי דער אינהאלט, אי די דײַטשישע פאָרמ פונעמ בריוול דינענ אלס עפעקטיוו־קאָמישער קאָנטראסט צו דער באָבעס

1 די טראדיציע פונ דער פורימשפיל דארפ דאָ ניט צונויפגעמישט ווערנ מיט א צווייטער טראדיציע פונ געברויכנ דײַטשמעריזמענ, וואָס איז געווענ אינ פאָלק — אינ ליבע־בריוו, צ. ב., ווו די פונקציע פונ דײַטש איז צו מאכנ די שפראכ יאָנטעוודיק אונ דערהויבנ.

„צענערענע״־מייַסעס. מע דארף אויך באצייכענען: גאָלדפאדנס פערסאָ־
נאזשן (און דאָס איז ווידער א שטייגער־שטריך פונעם דעמאָלטיקן
ידישן לעבן) ריידן אמאָל דייַטש, קעדיי צו פארשטעלן זיך פאר אן
„איידלמאן״ צווישן פרעמדע מענטשן, צום בייַשפּיל, פייַטל־דאָווידס
פרוי (אין דער „מומע סאָסיע״), א ייִדענע, וואָס ביכלאל שיט זי מיט
קלאָלעס, ווי א סעדעכע, ווען זי קומט אריַין צום זייגערמאכער געוווי־
רע ווערן, צי איר מאן איז דאָ, איז די ערשטע פראזע אירע שטארק
דייַטשמעריש:

— היר וואָנט דאָווידקע דער אורמאכער?

פאר דער צווייענדיקער פונקציע, וואָס דאָס דייַטש־ריידן פילט
אויס בא גאָלדפאדענען, איז אויך כאראקטעריסטיש „דאָס צענטע גע־
באָט״. לודוויגס, מאטילדעס און קלימענטינעס ריידן דייַטש כאראקטע־
ריזירט זיי, פון איין זייַט, אלס „בערלינער״ און פון דער צווייטער זייַט,
איז עס א קוואל פאר אָן א שיר קאָמישע עפעקטן.

פונעם געזאָגטן איז צו זען, אז די פונקציע פונעם דייַטש־ריידן אין
גאָלדפאדנס ווערק איז מער פון אלץ קרויוויש צו דער פונקציע פונעם
דייַטש־ריידן אין דער „פורימשפיל״, ווו עס דינט דעריקער צוליב דעם,
קעדיי ארויסרופן א קאָמישן עפעקט.



כוץ די פּיעסן, וואָס גייען אריַין אין אָט דעם בוך און וואָס זיי
ווערן דאָ דעריקער באהאנדלט, האָט גאָלדפאדן אָנגעשריבן נאָך א
גרויסע צאָל דראמאטישע ווערק אפ שטייגערישע און היסטאָרישע טע־
מעס. דער גרעסטער טייל פון אָט די ווערק האָבן אסאך א קלענערן
ליטעראריש־קינסטלערישן ווערט. דער פּאפּוליארער שטאָף, די גע־
שטאלטן זייַנען דאָ ניט גאָר רעאליסטיש אופגעפאסט. אין אייניקע
פּיעסן איז פאראן אָנגעטראכטקייַט, קינסטלעכקייַט.

אינטערעסאנט זייַנען אָט די ווערק דערמיט, וואָס זיי ווייַזן גאָלד־
פאדנס שטארקע פייִקייַט אופצוכאפּן סיוזשעטן, זיי סצעניש אויסשטאטן,
דערמיט, וואָס זיי ווייַזן זייַנע אויפן פון טראנספאָרמירן טעמעס און
סיוזשעטן פון אנדערע שרייַבער און פון ביבליש־טאלמודישע לעגענדעס.

אין „צענטן געבאָט״ האָבן מיר בא גאָלדפאדענען א מאָטיוו, אן
ענלעכן צו „פאוסט״ — דאָס פארקויפן זיך דעם טייַוול צוליב נייַעם
געניס פון ערדישע פארגעניגנס. „קאפצנזאָן און הונגערמאן״ איז א
באלעבאטיש־מאָראליזירנדיקע פּיעסע אין גייַסט פון א. מ. דיק. אין
„מאָשיעכס צייַטן״ האָבן מיר א געמיש פון פארשיידענע מאָטיוון: דאָס
אויסלאכן פאראזיטישע פראָפעסיעס אינעם אלטן ידישן לעבן־שטייגער,
נאציאָנאליסטישע טשוווע־שטימונגען, פאלעסטינע־פילישקייַט. דער
סיפער־האמייַסע איז דאָ אומעטום געגעבן אין אוואנטיור־זשאנר, אין
גייַסט פון געקינצלטער פאנטאסטיק. אויך די געשטאלטן זייַנען געגעבן
געוואָרן ווייניק רעאליסטיש.

וואָס אנבאלאנגט גאָלדפאדנס היסטאָרישע פּיעסן („שולאמיס״, „באר־
קאָכבא״, „דאָקטער אלמאסאדע״ א. אנד.), איז צוזאמען מיט אלע אנ־
דערע ווערק זייַנע איליוסטרירן זיי דעם אווטאָרס טעמאטישן דיאפּא־
זאָן און זייַן פארשטאנד פאר דעם, וואָס עס הייסט סצענישער עפעקט.

אין אייניקע היסטאָרישע פּיעסן גאָלדפאדנס (אין „באר־קאָכבא״
און באזונדערס אין „שולאמיס״) האָבן מיר בעפּיירעש א ריי קינסט־
לעריש־קרעפטיקע שטעלן. אין „שולאמיס״, צום בייַשפּיל:

ש ו ל א מ י ס:

שלאָג מיר ניט איבער — הער ווייַטער מיך נאָר אויס:
בארוישט פון דער זיסער אידיי פון דעם הייליקן געפיל,
איך האָב פארגעסן, ווו איך גיי — פארלוירן מייַן ציל
און האָב אראָפּגעבלאָנדזשעט פון וועג — איך קוק מיך ארום,
איך שטיי אין א וויסטע — נאָר זאמד אומעטום,
פונויבן ברענט די זון, דער דאָרשט פון אינעווייניק,
קיין טראָפּן וואסער, כאָטש מיט דעם לעבן ענדיק.
פלוצעם — דערזע איך א ברונעם, נאָר קיין עמער איז ניטאָ. —
איך לאָז זיך אראָפּ אפ גאָטס בעראָט אין א גוטער שאָ.
דער קוואל האָט מיך דערקוויקט — איך האָב ניט געהאט אינזינען,
ווי איך וועל ארויס! — אָט דאָ האָטסטו מיך געפונען.

(5־טע סצענע, 1־טער אקט).

אָדער אזא שטעל:

די אויערן מאכט זי גרעסער,
גלייַך ווי זי שטייט און הערט עפּעס אויס!..
און די נעגל, ווי די שארפע מעסער,
שטעקן ווי שפּיזן ארויס! —

אין ראָד איר רוקן געבויגן,
פון איר פּיסק הויכט שרעקלעכער האס,
און פון די ברענענדיקע אויגן
בליצט א פײַערדיקער קאס!..

(6־טע סצענע, 3־טער אקט).

א ריי קינסטלעריש אָנגעזעטיקטע פּערזון האָבן מיר אויך אין „באר־קאָכבא". שטארק איז די סצענע פון דינען מיט פּאָפּוסן אין טורמע).

(ער גייט צו צום בעטל און דערזעט זי שלאָפנדיק).

זי שלאָפט! — גוט! — ווען נאָך קען איך באנוצן אזא צײַט,
איך זאָל מיך אָנקוקן, אָנקוקן אין איר אזוי זאט! —
ווי די דריבנע כוואליעס פּארטאָג אפּ דעם רויקן יאם,
בא א שטיל ווינטעלע הוידען זיי זיך קאמ־קאמ
קעגן דעם רויטלעכן הימל איידער די זון גייט אוף;
אזוי באוועגט זיך איר ברוסט אראָפּ און ארוף
קעגן אירע רויטע בעקעלעך — און גיי האלט עס אויס! —
אין שלאָף זעט זיך איר שיינקײַט נאָך צען מאָל מער ארויס!..
קום אהער, פרילינג! מיט דײַנע רויזן די ריינע!
טונק זיי אײַן אין דער פּארב פון איר מײַלכען דאָס שיינע,
וועלן דײַנע בלומען נאָך פיל מער שמעקן און בליִען!
יאָ, און דו, פּאָפּוס, האָסט אויך צײַט דאָס אייגענע צו טון:
כאָטש איין מאָל אײַנאָטעמען אין זיך איר זיסן הויך!
ניין, — אויסהאלטן איז ניט פאר מײַן קויך!

(2־טע סצענע, 3־טער אקט).

אינטערעסאנט איז דאָ צו באמערקן, אז די קינסטלעריש־שטײַפע ערטער געהערן מייסטנס צו ניט קיין העראָישע פּערסאָנאזשן. פארקערט, די סאמע שוואכע ערטער אין אָט די ווערק זײַנען — די העראָישע רייד פון די העלדן.

גאָלדפאדן האָט ניט געשאפן קיין פיגורן, קיין קינסטלערישע כאראקטערן אין זײַנע היסטאָרישע ווערק. אין די דאָזיקע פּיעסן האָבן מיר ווינציק כאראקטעריסטישע שפּראך און ווינציק כאראקטעריסטישע האנדלונג. עס ווערט שפּאָט־ווינציק געזאָרגט פארן היסטאָרישן קאָלאָריט. צום בײַשפּיל: אין „באר־קאָכבא" זאָגן סעראפימעס דינער צו דינען:

קוקט, די לענטײַקע (?)
וויל רוען דײַקע א. או. וו.



און רופוס, דער פארטרעטער פון רוימישן אימפּעראטאָר זאָגט צו לאָזערן:

איך שטיי ניט אין דײַנע אייצעס, אהיים זאָלסטו גיין!
נישקאָשע. איך וועל קענען אָן דיר מײַן שטעטל באשטיין!

גאָלדפאדנס טאלאנט איז געקומען צום פולן אויסדרוק ניט אין זײַנע היסטאָרישע דראמעס. דאָס שאפן אן ערנסטע היסטאָרישע דראמע איז פארבונדן מיט גרעסערע פּראָבלעם־שטעלונג, צו וועלכער גאָלדפאדן איז ווינציק געווען גענייגט. גאָלדפאדן האָט מיט זײַנע „היסטאָרישע" דראמעס פריִער פון אלץ געצאָלט צינז דעם שטראָם פון נאציאָנאליזם, וואָס האָט אויך אים באווירקט צו יענער צײַט (דער גרעסטער טייל פון גאָלדפאדנס היסטאָרישע דראמעס געהערן צו די 90־80־קער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט).

און טאקע די נאציאָנאליסטישע קרײַזן האָבן עס פאלסיפיצירט די אָפּשאצונג פון גאָלדפאדנס שאפן, ארויסשטעלנדיק די דאָזיקע קינסטלעריש־שוואכערע ווערק גאָלדפאדנס (די היסטאָרישע דראמעס) פאר די בעסטע ווערק זײַנע.

גאָלדפאדן דער קינסטלער האָט זיך אמשטארקסטן אנטפּלעקט אין א ריי סאָציאַל־שטייגערישע ווערק, וואָס ער האָט געשאפן אין פאר־שיידענע צײַטן און דעריקער טאקע אינעם ערשטן פּעריאָד פון זײַן שאפן.

בענעגייע דעם ווערט פון גאָלדפאדנס דראמאטישן שאפן זײַנען פאראן א ריי פארמינערגדיקע מאָמענטן: גאנץ אָפט איז די פּראָבלעם בא אים געשטעלט ניט גענוג טיף, עס פעלט בא אים דער שארפער סאָציאַלער קאָנטראסט אין זײַן געשטאלטן־וועלט — זײַנע פּערסאָנאזשן ווערבירט ער קימאט אויסשליסלעך פון באלעבאטישן גראד.

ניט געקוקט דערוף, איז גאָלדפאדנס באדײַטונג ניט נאָר אלס זייער טאלאנטפולער טעאטער־טוער, אלס גרינדער פונעם יידישן טעאטער, נאָר אויך אלס דראמאטורג — זייער א היפשע.

די באדײַטונג פון גאָלדפאדן דעם דראמאטורג באשטייט אין דעם, וואָס ער האָט געשאפן א ריי מײַסטערישע שטייגער־קאָמעדיעס, אין דעם, וואָס ער האָט, אייגנטלעך, דער ערשטער געשאפן די יידישע אָפּערעטע און איז איינער פון די גרעסטע שעפער פון סצענישע ווערק אין דער יידישער דראמאטורגיע.

אזוינע ווערק גאָלדפאדנס, ווי „די מומע סאָסיע“, „ביידע קוני־לעמלעכ“, „קישעפמאכערנ“ אונ אייניקע אנדערע געהערנ צו די בעסטע ווערק פונ דער עלטערער ייִדישער דראמאטורגיע. דאָס זײַנענ ווערק פונ באדײַטנדיקנ ליטעראריש־קינסטלערישנ אונ סצענישנ ווערט, ווערק, בא וועלכע עס איז פאראנ היפש וואָס צו לערנענ.

אינעמ רעפערטואר פונעמ ייִדישנ סאָוועטישנ טעאטער פארנעמענ די פיעסנ פונ גאָלדפאדנ אנ אָנגעזעענ אָרט. דערבײַ האָט דער ייִדישער סאָוועטישער טעאטער געיארשנט גאָלדפאדנס דראמאטורגיע אפ פאר־שיידענע אופאנימ. אמאָל — אינ דער פאָרמ פונ א מאָנטאזש („צוויי קוני־לעמלעכ“ אינ קיִעווער ייִדישנ מעלוכע־טעאטער), אמאָל מיט געוויסע ענדערונגענ („די קישעפמאכערנ“, „דאָס צענטע געבאָט“ אינ מאָסקווער ייִדישנ מעלוכע־טעאטער אונ „שולאמיס“ אינ קיִעווער ייִדישנ מעלוכע־טעאטער) אונ אמאָל — נאָר די טעמע אונ באשטימטע סיוזשעטישע ליניעס (ש. האלקינס „שולאמיס“ אינ מאָסקווער ייִדישנ מעלוכע־טעאטער, אונ זײַנ „באר־קאָכבא“ אינ מאָסקווער אונ קיִעווער ייִדישע מעלוכע־טעאטערנ). אינ אָט די אלע פאלנ האָבנ גאָלדפאדנס ביז גאָר סצענישע דראמאטישע ווערק באפרוכפערט דעמ ייִדישנ סאָוועטישנ טעאטער, די ייִדישע סאָוועטישע דראמאטורגיע.

---

# די מומע סאָסיע